# מיט א טיפערן בליק

## פרשת וישב תשפ"ה

## וויפיל האפענונג איז נאך דא?

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

די תורה הקדושה הייבט אָן אונזער פרשה "וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו בְּאֶרֶץ כְּנָעַן", יעקב אבינו האלט דא נאך לאנגע יארן זיין אוועק פון זיין טאטע'נס שטוב אין באר שבע, קודם איז ער געווען פערצן יאר אינעם בית המדרש פון עבר, דערנאך האט ער זיך אויפגעהאלטן פאר לאנגע יארן אין חרן ביי לבן, ביז ער האט געמוזט אנטלויפן פון דארט, ער האט מיטגעמאכט א לאנגע גלות וועג, ליידענדיג פון לבן, פונעם שרו של עשו, און ער גרייט זיך מיט פחד און מורא צו די באגעגעניש מיט עשו נאך אזויפיל יארן. ענדליך דערזעהט ער זיך צוריק אין ארץ כנען, אינעם לאנד פון זיין פאטער יצחק.

**רש"י** ברענגט פון **מדרש** (פסוק ב') אויף די ווערטער וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב, "ביקש יעקב לישב בשלוה קפץ עליו רוגזו של יוסף, צדיקים מבקשים לישב בשלוה, אומר הקב"ה לא דיין לצדיקים מה שמתוקן להם לעולם הבא אלא שמבקשים לישב בשלוה בעולם הזה?" יעקב אבינו האט געהאפט אז יעצט וועט ער זוכה זיין צו לעבן בשלוה, מיט רואיגקייט, זיינע צרות וועלן נעמען אן עק, אבער פון הימל האט מען נישט מסכים געווען דערצו, צדיקים האבן שלוה נאר אין עולם הבא, אויף די וועלט איז זיי באשערט נסיונות און שוועריגקייטן, און דעריבער "קפץ עליו רוגזו של יוסף" עס איז ארויפגעשפרינגען אויף איהם די צרה פון זיין זוהן יוסף. ווי מיר געפונען טאקע ווייטער אין די פסוקים די גאנצע השתלשלות פון מכירת יוסף און די צער פון יעקב אבינו.

די תורה הקדושה דערציילט אונז, אז די ברידער האבן מקנא געווען יוסף און איהם פיינט געהאט צוליב דעם וואס זייער טאטע יעקב האט איהם אזוי שטארק ליב געהאט, ווי אויך צוליב זיינע חלומות וואס ער האט דערציילט, אז עס ערווארט איהם א גרויסע צוקונפט וואו יעדער בוקט זיך צו איהם. די תורה זאגט, וַיִּגְעַר בּוֹ אָבִיו וַיֹּאמֶר לוֹ מָה הַחֲלוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר חָלָמְתָּ וגו' אויסערליך האט זיין טאטע יעקב אויך געשריגן אויף איהם און אוועקגעמאכט זיינע חלומות, וַיְקַנְאוּ בוֹ אֶחָיו, די ברידער האבן מקנא געווען יוסף, "וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר" אבער יעקב האט אפגעהיטן די זאך, ווי **רש"י** ערקלערט "היה ממתין ומצפה מתי יבא" ער האט געוואַרט און געהאפט ווען די חלומות פון יוסף הצדיק וועלן מקויים ווערן. דאס הייסט, ער האט געוואוסט אז זיי זענען אמת און ס'וועט קומען א צייט ווען דאס וועט פאַרקומען למעשה.

אין די המשך הפרשה געפונען מיר ווי יוסף הצדיק ווערט פארקויפט און ער קומט אָן קיין מצרים אין די הויז פון פוטיפר, און טראָץ זיינע שווערע נסיונות בלייבט ער דער זעלבער יוסף הצדיק מיט זיין צדקות און ערליכקייט און איז זיך מתגבר אויפן יצר הרע.

לאמיר מדייק זיין עטליכע דיוקים דא: צום ערשט, אויב איז שלוה נישט קיין גוטע זאך פאר א צדיק אויף די וועלט, דאן פארוואס האט דאס יעקב אבינו געוואלט האבן? וואס איז געווען דא כביכול די ויכוח צווישן יעקב אבינו און השי"ת אויב ער זאל זוכה זיין צו שלוה אדער נישט. און וואס באדייט די לשון קפץ עליו 'רוגזו' של יוסף, פארוואס שטייט נישט פשוט 'צרתו' של יוסף, אדער סיי וועלכע אנדערע לשון וואס ברענגט ארויס צער, ווייטאג, אדער דאגה? וואס קומט די לשון פון 'ברוגז' אונז לערנען?

אזוי אויך ווען די תורה זאגט "וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר" יעקב אבינו האט געווארט אז די חלומות זאלן מקויים ווערן, פארוואס שטייט נישט א לשון פון 'מַמְתִּין' אדער 'מְצַפֶּה' וואס זענען די פשוט'ע לשונות פון וואַרטן און האָפן?

### אמונה און בטחון אין יעדן מצב

מיר ווייסן אז די יסוד היסודות פון א איד איז די אמונה און בטחון וואס מיר האבן אינעם אייבישטער אין יעדן מצב, מיר האבן דאס אריינגעבאקן אין אונז נאך פון אונזערע אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב, ווי מיר זאגן דריי מאל א טאג אין שמונה עשרה "אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב", ווי די **מפרשים** ערקלערן אז דאס גייט ארויף אויף די אמונה וואס מיר האבן בקבלה פון אונזערע אבות הקדושים, וואס יעדער איינער פון זיי האט זוכה געווען צו אנערקענען אין השי"ת פון זיך אליין, יעדער אויף זיין אופן, און זיי האבן אונז דאס איבערגעגעבן לדורות.

אמונה איז אבער פון די זאכן וואס דארפן חיזוק, עס קומט נישט אלעמאל אָן גרינג. צומאל קען א מענטש זיין גאנץ א שיינע מאמין בה' ער ווייסט און גלייבט אז דער אייבישטער איז דער בורא ומנהיג לכל הברואים והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים, ער ווייסט אז דער אייבישטער איז מיט איהם און וואס ער טוט איז גוט, אבער ביז צו א געוויסע נקודה... ס'זענען פארהאן פארשידענע מצבים און שוועריגקייטן, וואס דארט ווערט שוין זיין אמונה אביסל פארהאַנקעט ח"ו, דארט ווערט איהם גאר שווער צו האבן די ריכטיגע אמונה און בטחון אז דער אייבישטער איז טאקע מיט איהם און וועט איהם נישט פארלאזן. אמונה פאַדערט א שטארקע עבודה זיך צו קענען האלטן שטארק אין יעדע זמן און יעדע מצב.

א איד האט נאכגעזאגט א טייער ווארט, א הייליגע טייטש פון איינס פון די גדולי צדיקי דורינו וועלכע זענען לעצטנס אוועגעריסן געווארן פון אונז, **דער סקולענער רבי - כ"ק אדמו"ר רבי ישעי' יעקב זצ"ל.** דער רבי האט אמאל מקיים געווען מצות ביקור חולים און גערעדט דברי חיזוק אויפן טעלעפאן צו א איד וואס איז ליידער געווען שטארק נישט געזונט ל"ע, דער רבי האט גערעדט פון אמונה און בטחון מיט א ברען כדרכו בקודש. דער חולה וועלכער האט ליידער מיטגעמאכט שטארקע יסורים און איז געווען שרוי בצער, האט זיך בתוך הדברים אויסגעדרוקט אז אין אזא מצב קען

מען נישט האבן קיין אמונה... זיך אָפּרעדנדיג אויף זיין שווערע מצב אז יעצט איז ער ליידער ווייט פון שפירן די אמונה (ווי חז"ל זאגן אֵין אדם נתפס על צערו, מ'קען נישט דַן זיין א מענטש ווען ער איז אין א מצב פון צער און יסורים).

ווען דער סקולענער רבי זי"ע האט געהערט זיינע ווערטער, האט ער זיך אנגערופן במתק לשונו: עס איז מיר פארענטפערט געווארן א זאך, מיר זאגן אין שמונה עשרה ביי די ברכה פון רפאנו "כִּי קֵל מֶלֶךְ רוֹפֵא נֶאֱמָן וְרַחֲמָן אָתָּה", לכאורה דארף מען פארשטיין וואו קומט דא אריין די לשון רוֹפֵא 'נֶאֱמָן', נאר עס קען זיין אז עס גייט ארויף אויף די אמונה, ווען א איד איז נישט געזונט און ער גייט אדורך יסורים, דארף השי"ת זיין א רוֹפֵא נֶאֱמָן, ער דארף אויסהיילן זיין אמונה אויך.

**די וויכטיגקייט פון האפענונג**

**רש"י** אין תהלים אויפן פסוק "קַוֵּה אֶל ה' חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'" זאגט, עס שטייט צוויי מאל קַוֵּה אֶל ה', ווייל א איד דארף שטענדיג האפן, און אפילו אויב ס'האט נישט געארבעט איין מאל און זיין תפלה איז נאכנישט אנגענומען געווארן, זאגט דוד המלך די עצה, אז נָאכַאמָאל וְקַוֵּה אֶל ה' "האָף ווייטער", א איד טאר קיינמאל נישט אויפגעבן האפענונג!

וואס אז מ'רעדט פון האפענונג, איז וויכטיג צו באמערקן איינס פון די וויכטיגע פונקטן וואס קענען זיין דער גוֹרם פאר א איד צו פארלירן זיין אמונה און בטחון אין השי"ת ח"ו, דאס איז ווען ער שפירט אז זיין האפענונג איז שוין אינגאנצן פארלוירן. ווילאנג דער מענטש זעהט נאך פאר זיינע אויגן די מעגליכקייט אז ער האט נאך האפענונג בדרך הטבע, ער קען נאך ערווארטן א ישועה, דעמאלטס גלייבט ער אינעם אייבישטער און ער האפט צו איהם. אבער ווען דער מענטש פארלירט חלילה זיין האפענונג, זיין תקוה אויף א בעסערן עתיד, דאס נעמט אוועק פון איהם דאס לעצטע ביסל כוח זיך מחזק צו זיין און גלייבן מיט אמונה און בטחון אפילו למעלה מדרך הטבע.

עס ווערט געברענגט בשם **הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל**, מיר געפונען ביי די ברכה פון 'ולמלשינים' וואס די חכמים האבן געמאכט קעגן די מוסרים און אפיקורסים וואס האבן אנגעזייט א חורבן אין כלל ישראל, האט מען מתקן געווען די נוסח "וְלַמַּלְשִׁינִים **אַל תְּהִי תִקְוָה**" זיי זאלן נישט האבן קיין האפענונג! דאס איז די גרעסטע קללה וואס די הייליגע חכמים האבן געפונען פאסיג צו לייגן אויף די רשעים. ווייל ווען א מענטש האט נישט קיין האפענונג וועט דאס איהם אונטערברענגען אינגאנצן ח"ו.

ווי ס'איז טאקע באקאנט אין די רפואה וועלט, אז ווילאנג א חולה שפירט האפענונג, ער גלייבט אז ער קען זיך נאך ארויסדרייען פון זיין קרענק, וועט דאס איהם געבן די כוח און מוט אנצוגיין צו קעמפן פאר זיין געזונט, און דאס איז קריטיש וויכטיג פאר זיין רפואה.

די זעלבע איז ביי פילע ענינים בגשמיות וברוחניות, ווילאנג דער מענטש פארלירט נישט זיין האפענונג, האט ער רצון און די מעגליכקייט צו גיין ווייטער און זיך צו וועלן העלפן. דאגעגן ווער עס האלט שוין לאחר ייאוש, ער האט שוין אויפגעגעבן אויף דאס לעצטע ביסל האפענונג, דער האט כמעט נישט קיין שאנסן ח"ו.

**אזויווי מיר האבן שוין געזען ביי יציאת מצרים**

מיר אידן זענען אבער באפוילן געווארן צו האפן אלעמאל אין יעדן מצב. ווי חז"ל זאגן אונז (שבת ל"א.) אז איינס פון די ערשטע שאלות וואס מ'פרעגט דעם מענטש אויבן אין בית-דין של מעלה איז "צִפִּיתָ לִישׁוּעָה?" האסטו געהאָפט אויף די גאולה און אז די אלע הבטחות וואס שטייט אין די ווערטער פון די נביאים וועלן מקויים ווערן? ווייל דאס איז א חיוב אויף יעדער איד, צו האָפן און וואַרטן אויף די ישועה פון כלל ישראל.

אגב, וואו איז טאקע די מקור צו דעם חיוב? וואו שטייט אין די תורה אז א איד דארף האפן אויף די ישועה?

הערט א חידוש נפלא וואס שטייט אין **סמ"ק** (ספר המצוות קטן לרבינו יצחק מקורביל - פון די בעלי התוספות) וזה לשון קדשו אין מצוה א': "מה שאמרו חכמים ששואלין לאדם לאחר מיתה בשעת דינו צפית לישועה, והיכן כתיב מצוה זו... שכשם שיש לנו להאמין שהוציאנו ממצרים דכתיב אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך וגו' **ועל כרחין מאחר שהוא דיבור, הכי קאמר, כשם שאני רוצה שתאמינו בי שאני הוצאתי אתכם כך אני רוצה שתאמינו בי שאני ה' אלקיכם ואני עתיד לקבץ אתכם ולהושיעכם, וכן יושיענו ברחמיו שנית**".

דער סמ"ק לערנט אונז דא אז דער ענין פון צפית לישועה איז נכלל אין די ערשטע פון די עשרת הדברות! השי"ת זאגט אונז "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם" איך בין דער באשעפער ענקער גאט וואס האט אייך ארויסגענומען פון מצרים. וואס קומט דער דיבור 'באפעלן' פאר א איד? יעדער פון די אנדערע דברות זענען א ציווי וואס קומט עפעס מחייב זיין, ווי צום ביישפיל זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת, כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לֹא תִּרְצָח, לֹא תִּנְאָף, לֹא תִּגְנֹב, דאס זענען אלע מצוות עשה אדער לא תעשה וואס א איד זאל יא אדער נישט טוהן, אבער די ערשטע דיבור פון אנכי ה' אלקיך האט דאָך נישט אין זיך קיין שום ציווי אדער חיוב וואס מ'דארף טוהן למעשה. אלא מאי, זאגט דער סמ"ק, מוז זיין אז דא שטייט א חיוב צו האפן אויף די ישועה, און די כוונה פון אנכי ה' אלקיך איז אונז מחייב צו זיין צו גלייבן און האפן אז השי"ת קען העלפן שטענדיג אין יעדן מצב. פונקט ווי דער אייבישטער וויל אז מיר זאלן גלייבן און געדענקן אז ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים ווען מיר זענען געווען פארשקלאַפט אינעם בית עבדים, די זעלבע איז ער אלעמאל דא אונז צו העלפן און וועט אונז אויסלייזן אויך פון אונזער יעצטיגע גלות.

היוצא לנו, אז מיר זענען זיך מתבונן אינעם מקור החיוב, די נסים פון יציאת מצרים, איז דאס אונז באמת מחייב אין יעדן מצב. פונקט ווי דעמאלטס

איז נישט געווען קיין מציאות בדרך הטבע צו ווערן ארויסגעראטעוועט פון מצרים, פרעה אין די מצריים זענען געווען אסאך שטערקער און גרעסער פון די אידן, און מצרים איז געווען א לאנד וואס איז געווען פארשלאסן אז א עבד האט קיינמאל נישט געקענט אנטלויפן, איז געקומען השי"ת און באוויזן נסים ונפלאות חוץ לדרך הטבע און ארויסגענומען זיין פאלק פון דארט. דאס לערנט אונז אז ס'איז באמת קיינמאל נישט דא קיין מצב וואס איז לאחר ייאוש, ווייל דער זעלבער באשעפער וואס האט דעמאלטס באוויזן די אלע גרויסע וואונדער איז דער וואס איז אונז מבטיח און פארזיכערט אונז ארויסצונעמען אויך פון די שפעטערע צרות און גלות.

## די כוח פון יעקב אבינו "לית אנא מוביד סברי מן בריי"

אט דער כוח פון קיינמאל נישט אויפגעבן האפענונג אין סיי וועלכע מצב, פון קענען אָנגיין אין די שווערסטע זמנים און מקיים זיין צפית לישועה, דאס האבן מיר כלל ישראל בירושה פון אונזער הייליגע זיידע יעקב. יעקב אבינו דער בחיר שבאבות, ער האט איינגעפלאנצט אין זיינע קינדער אט די אמונה און בטחון און שטארקייט פון נישט אויפגעבן האפענונג אין קיין שום מצב.

ווי חכמינו ז"ל דערציילן אונז אין **מדרש** (פר' ויצא) אז ווען יעקב אבינו איז אנטלאפן פון עשו און געגאנגען קיין חרן ווי זיין מאמע האט איהם געהייסן, איז געקומען אליפז דער זוהן פון עשו און צוגענומען פון איהם זיין גאנצע געלט און ער איז געבליבן מיט גארנישט, "חָזַר וְאָמַר, מַה אֲנָא מוֹבִיד סִבְרִי מִן בָּרְיִי, חַס וְשָׁלוֹם לֵית אֲנָא מוֹבִיד סִבְרִי מִן בָּרְיִי אֶלָּא עֶזְרִי מֵעִם הַשֵּׁם", האט יעקב אבינו זיך בארעכנט און געזאגט "וואס? איך וועל פארלירן מיין האפענונג פון מיין באשעפער?, ניין, איך פארליר נישט מיין בטחון אינעם בורא, נאר עֶזְרִי מֵעִם ה' מיין הילף וועט קומען פון השי"ת". דאס הייסט אז אפילו אין זיין שווערסטע מצב, ווען ער שטייט מיט ליידיגע הענט, בעירום ובחוסר כל, און ער ווייסט נישט וויאזוי ער וועט זיך קענען אן עצה געבן אין די נעקסטע מינוט, שרייט יעקב "חס ושלום! איך געב נישט אויף, איך פארליר נישט מיין האפענונג", סִבְרִי איז טייטש האפענונג, פונעם לשון שֵׂבֶר און תקוה, אזויווי דוד המלך זאגט אין תהלים **אַשְׁרֵי שֶׁקֵל 'יַעֲקֹב' בְּעֶזְרוֹ 'שִׂבְרוֹ' עַל ה' אֱלֹקָיו**, דאס איז די כוח פון יעקב אבינו אז ער האט שטענדיג א האפענונג אין השי"ת און גיבט נישט אויף.

אין פרשת וישב האלטן מיר שוין נאך די פילע צרות און גלות וואס יעקב אבינו איז אריבער מיט זיינע שונאים פון אינדרויסן, כִּי שָׂרִיתָ עִם אֱלֹקִים וְעִם אֲנָשִׁים וַתּוּכָל, ער האט זיי מנצח געווען און באזיגט מיט זיין געוואלדיגע אמונה און בטחון. "ביקש יעקב לישב בשלוה" דא האט שוין יעקב אבינו געוואלט זיצן בשלוה. און ווי מיר האבן אויבן מדייק געווען, אודאי האט יעקב אבינו געוואוסט אז צדיקים האבן נישט קיין שלוה אין עולם הזה, ער האט פארשטאנען אז ער וועט נאך מוזן אריבערגיין פארשידענע נסיונות און שוועריגקייטן אזויווי השי"ת פארלאנגט פון צדיקים, אבער אט די עבודה איז שוין געווען ביי איהם א בחינה פון 'שלוה', ביי איהם איז דאס כמעט ווי א קלייניגקייט זיך צו קענען שטארקן און מחזק זיין ווען די צרות באפאלן איהם פון אינדרויסן, אזויווי עשו, אליפז, לבן, שרו של עשו, מיט אזעלכע סארט פראבלעמען ווייסט ער שוין אז ער קען זיך פארמעסטן, און אויב דאס איז וואס עס פארלאנגט זיך פון איהם, וועט דאס לויט זיין יעצטיגע דרגא און השגה זיין א עבודה פון 'שלוה' ממש, עס וועט איהם גרינג אנקומען.

זאגט דער אייבישטער, ניין! יעקב אבינו וועט נישט זוכה זיין צו שלוה, עס איז אנגעגרייט פאר איהם א פיל שווערערע עבודה, יעצט וועט קומען א פרישע נסיון פון 'אינעווייניג' א נייע סארט צרה וואס וועט איהם באפאלן, דא וועט זיך פאָדערן אן עבודה וואס איז שוין גארנישט קיין שלוה, עס קומט נישט אָן גרינג. ווי עס איז מבואר אין **ספרים הקדושים** האט יעקב אבינו אנגעגרייט און אויסגעטרויטן די וועג פאר זיינע קינדער, אלע צרות וואס ער איז אריבערגעגאנגען און בייגעשטאנען, זענען "מעשי אבות סימן לבנים" מיט דעם האט ארייגעשיינט די נויטיגע חיזוק און כוחות פאר כלל ישראל צו קענען אדורכטראגן און ביישטיין אזעלכע ענדליכע סארט שווערע זמנים און נסיונות ח"ו. דעריבער זאגט השי"ת אז יעקב קען נישט האבן קיין שלוה, ער מוז נאך אויסטרעטן די וועג פאר זיינע קינדערלעך ווען ס'וועט חלילה קומען שווערע זמנים...

וואס איז די פרישע נסיון פון יעקב אבינו? "קפץ עליו רוגזו של יוסף", חז"ל נוצן דייקא דעם לשון פון 'רוגז' וואס ווייזט אויף צומישעניש און אומקלארקייט [ווי די מציאות איז ווען א מענטש איז ברוגז, פארלירט ער די קלארקייט און יישוב הדעת פון קענען טראכטן נארמאל] אזויווי מיר געפונען (תהלים ע"ז י"ט) רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ, ווען עס הערשט א בלבול המוחין און א רעש און טומל, ווערט דאס אנגערופן א מצב פון רוגזה. אויף יעקב אבינו איז דא באפאלן א פרישע סארט צרה, אזאנס וואס ער האט נאך קיינמאל נישט בייגעוואוינט, אינעווייניג ביי איהם אין שטוב ברעכט אויס שנאה און קנאה צווישן די הייליגע שבטים, און עס דערקייקלט זיך ביז צו מכירת יוסף. יעקב אבינו גייט אדורך א אומגעהויער שווערע מצב, די שכינה הקדושה איז נסתלק געווארן פון איהם, ער האט נישט זיין לעכטיגע קלארקייט און רוח הקודש, עס איז א עכטע מצב פון חשכות און רוגז און בלבול המוחין.

יעקב אבינו דארף אדורכגיין אט דעם לעצטן און שווערן נסיון טאקע צוליב אונז. יעקב איז פונעם לשון 'עקבתא דמשיחא' ווייל ער גרייט אָן דעם וועג פאר כלל ישראל ביז'ן סוף, ביז צום לעצטן דור איידער משיח וועט קומען. דעמאלטס וועלן אידישע קינדער זיך ליידער געפונען אין א שווערע מצב ברוחניות, עס וועט פעלן די קלארקייט און לעכטיגקייט, די נסיונות וועלן זיין ביטער שווער און מ'וועט טאַפּן א וואנט, מען וועט דארפן האבן הימלישע כוחות זיך מחזק צו זיין און האלטן פעסט און נישט אויפגעבן האפענונג. פון הימל וויל מען אז יעקב אבינו זאל באווייזן זיין אויסטערלישע גבורת הנפש אפילו אין אזעלכע אומשטענדן, אפילו אין די גרעסטע חשכות און רוגזה זאל ער ווייטער אויסשרייען דעם "לֵית אֲנָא מוֹבִיד סִבְרִי מִן בָּרְיִי! איך פארליר נישט מיין האפענונג, עֶזְרִי מֵעִם הַשֵּׁם, עס איז

שטענדיג דא האפענונג, אפילו אין די שווערסטע און טונקלסטע מצבים קען דער אייבישטער העלפן".

### יוסף הצדיק שעפט חיזוק פון יעקב'ס האפענונג

ווען יעקב הערט די חלומות פון זיין זוהן, ער זעהט ווי די ברידער זענען איהם מקנא, יעקב שרייט טאקע און מאכט אוועק די חלומות כדי די ברידער זאלן נישט זיין ברוגז, אבער "וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר - היה ממתין **'ומצפה'** מתי יבא" יעקב פלאנצט שוין דא איין די קערנדליך פון האפענונג, מצפה איז א לשון פון צפית לישועה, האָפן און ווארטן. ער ווייסט אז זאל זיין וואס זאל זיין, נישט קיין חילוק וואס עס וועט אלס אריבערגיין אויף איהם און אויף יוסף, אבער האפענונג איז דא! ער איז ממתין ומצפה אז איין טאג וועלן די חלומות מקויים ווערן לטובה. לית אנא מוביד סברי, יעקב אבינו גיבט קיינמאל נישט אויף זיין האפענונג. ער שפעקלירט נישט 'אויב' די חלומות וועלן מקויים ווערן, ער וואַרט נאר צו זעהן "מתי יבוא - **ווען** וועט דאס מקויים ווערן", ווייל ביי איהם איז עס נישט קיין פראגע פון אויב, ס'איז נישט קיין ספק, ס'איז נאר א שאלה ווען ס'וועט געשען, און ביז אהין דארף מען האפן, נישט קיין חילוק ווי שווער עס איז.

וואס געפונען מיר שפעטער ווען יוסף הצדיק גייט אדורך די ביטער שווערע נסיונות? יוסף הצדיק איז איינער אליין אין מצרים, איינזאם און עלנד, קיינער קען איהם נישט דארט און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף איהם, זיין משפחה האט איהם פון לאנג פאררעטן און פארקויפט. א צווייטער אין זיין מצב וואלט שוין חלילה אויפגעגעבן, ער האט נישט קיין שום מענטשליכע האפענונג און ער זעהט נישט קיין עתיד פאר זיינע אויגן. אבער יוסף האלט זיך אייזן שטארק, ער אנטלויפט פון א עבירה ווי פון פייער.

חכמינו ז"ל זאגן אונז דעם סוד פון יוסף הצדיק'ס שטארקייט, פון וואו שעפט ער די העכערע כוחות דארט אין מצרים אינעם ערות הארץ? ברענגט **רש"י** פון די גמרא אין **מסכת סוטה** (דף ל"ז.), "שנראית לו דמות דיוקנו של אביו" ער האט געזעהן די לעבטיגע צורה פון זיין הייליגע טאטע יעקב. דאס איז מרמז אויף די כוח פון יעקב אבינו, יוסף הצדיק האט זיך מצייר געווען "וויאזוי וואלט מיין טאטע זיך אויפגעפירט אין אזא מצב? וואס וואלט מיין טאטע יעצט געטוהן?", אין זיין מחשבה האט ער געזעהן די עקשנות דקדושה פון יעקב אבינו אין יעדן מצב, דעם חַס וְשָׁלוֹם לֵית אֲנָא מוֹבִיד סִבְרִי מִן בָּרְיִי! יעקב אבינו גיבט קיינמאל נישט אויף האפענונג, דאס האט אריינגעשיינט חיזוק און שטארקייט אין זיין זוהן יוסף אויך נישט אויפצוגעבן אפילו אין די שווערסטע מצב.

דער , "וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר" דאס וואס זיין טאטע איז געווען ממתין **'ומצפה'** אויף זיינע חלומות און זיין גרויסקייט 'מתי יבא, יעקב אבינו ווייסט און האָפט מיט א זיכערקייט אז איין טאג גייט דאס פאסירן, דאס האט אריינגעבלאזן די האפענונג אין יוסף הצדיק נישט אויפצוגעבן.

### יעקב שטעלט אוועק די יסודות פאר אונז אין עקבתא דמשיחא

דערמיט קען מען ערקלערן אז דערפאר כאפט טאקע די תורה הקדושה אָן דארט די לשון וְאָבִיו 'שָׁמַר' אֶת הַדָּבָר, א לשון פון שמירה, פארוואס שטייט נישט סתם א לשון פון ווארטן וכדומה. נאר עס איז מרמז אויף די גרויסע און שווערע עבודה וואס יעקב אבינו האט געדארפט אריינלייגן ביי אט דעם לעצטן נסיון זיינע ווי פריער דערמאנט, עס האט געדארפט א שטארקע שמירה און כוחות עצומות נישט אויפצוגעבן די האפענונג, אין א מצב ווען אלעס איז פארנעפלט און טונקל און מ'זעהט נישט קיין שום אויסוועג בדרך הטבע. אבער יעקב אבינו שטארקט זיך און היט אפ זיין האפענונג מיט א שטארקע שמירה אז עס זאל נישט פארלוירן גיין, טראץ די גרויסע שוועריגקייטן און שטרויכלונגען אויפן וועג.

בדרך רמז שטייט דא נאך מער, "וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר" עס שטייט נישט אז ער האט געווארט אויף די חלומות, אויף די נבואה, אויף די עתיד פון יוסף, נאר ער האט אפגעהיטן און געווארט "אֶת הַדָּבָר" אויף די זאך. יעקב אבינו לייגט דא די יסודות פאר גאנץ כלל ישראל, פאר די שווערע נסיונות אינעם עקבתא דמשיחא, ער היט אפ "אֶת הַדָּבָר" די זאך פון כלל ישראל! די יסוד הקיום פון אידישע קינדער אין גלות! דער אנכי ה' אלקיך וואס וועט זיי באגלייטן אפילו אין די שווערסטע אומשטענדן, די כוח פון האָפן און ווארטן אויף ישועת ה' אין יעדן מצב עד הסוף.

טייערע ברידער לאמיר ארויסנעמען די ריכטיגע חיזוק פון אט די הייליגע פרשה. לאמיר געדענקן אז אונזער טאטע יעקב אבינו איז אדורכגעגאנגען די שווערסטע נסיונות, א נסיון פון רוגזו של יוסף, א נסיון אין וועלכע זיין אייגענע שטוב, זיין אייגן קינד, ברענגן איהם א מצב פון חשכות און בלבול המוחין, א מצב ווען ס'איז טונקל און נישט קלאר ח"ו און מ'ווייסט נישט וואס צו טראכטן און וואו זיך אהינצוטוהן, אבער יעקב אבינו גיבט נישט אויף אפילו דעמאלטס, וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר, ער וואַרט און האָפט ווייטער אז ס'וועט קומען די ישועה. ער לערנט אונז דעם וועג פון לֵית אֲנָא מוֹבִיד סִבְרִי מִן בָּרְיִי, מען פארלירט קיינמאל נישט האפענונג, דער אייבישטער קען אלעמאל העלפן אין יעדן מצב. און דאס איז אונזער תפקיד אנצוהאלטן אין דעם עקבתא דמשיחא, אין די שווערסטע נסיונות פון חשכות און בלבול המוחין, צו גיין אין די הייליגע וועגן פון אונזער זיידע יעקב, אַשְׁרֵי שֶׁקֵל 'יַעֲקֹב' בְּעֶזְרוֹ 'שִׂבְרוֹ' עַל ה' אֱלֹקָיו!

לסיכום געדענק:

- די ערגסטע זאך פאר א מענטש, ברוחניות אדער בגשמיות, איז ווען ער פארלירט חלילה זיין האפענונג, ווען ער גיבט אינגאנצן אויף.
- די עבודה פון א איד איז צו זיין "קוה אל השם" איינמאל און נאכאמאל, קיינמאל נישט אויפגעבן האפענונג, אין קיין שום מצב.
- יעקב אבינו האט ספעציעל געמוזט אדורכגיין א נסיון פון רוגזה, וואו אלעס איז פארנעפלט און טונקל, כדי אנצוגרייטן פאר אונז דעם וועג בעקבתא דמשיחא. און מיר האבן דעם הייליגן כוח.

## א לעבטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעזה"ה tiferenblik@gmail.com